# "נשמה ליד"

(1)
א נשמה לויטער און ריין
געקומען צום בית דין של מעלה צו גיין
און געווארט פאר זיינע זכותים צו ווערן באלוינט
אבער ניין פארשפארט די גן עדן
דער צדיק ער וועט נאך דארפן ליידן
ער האט אמאל געשלאגן א איד און נישט געשוינט
(2)
וויי די שטראף הערט ער באפעלן
ער מוז זיך אליין די צוויי אויסוועלן
גיהנום אדער א לעבן איבערשפילן
אוי די וועלט זי איז אזוי שווער
קיין גייסט קיין קדושה פוסט און לער
ווער ווייסט צו ער וועט זיין תכלית ערפולן
(3)
די מלאך נעמט אים און הייבט אן דעם גאנג
דער וועג צום גיהנום אזוי הייס און לאנג
ער קען נישט מער ער בעט איך וויל שוין ארויס
בעסער שוין ווידער צו לעבן
דערביי וויל איך א בקשה געבן
כדי זכאי בלייבן הערט מיר נאר אויס
(4)
אויב איך וועל קיין הענט פארמאגן
וועל איך א איד מער נישט קענען שלאגן
און בלויז ערליכע טאטע מאמע
וועלן מיר גוט ערציען מן הסתמא
איך וויל זיך דא אומקערן ריין
האט די נשמה געבעטן מיט גרויס געוויין
האט דער בית דין באשלאסן אזוי זאל זיין

(5)
פרעגט די נשמה הערט נאר דאס
פאטער אין הימל ענטפער פארוואס
אוי פארוואס איז קיין פראגע פאר א איד
כאטש עס איז שווער אויפ'ן געמיט
יא נשמה דו האסט א טרייסט
דערהייב פון טרויער און צער דיין גייסט
דער אב הרחמים האט דיר ליב ווי א בן יחיד
ווייס און גלייב אז אזוי איז גוט
(1)
ביי די שבת לעכט וואך נאך וואך
מיט טרערן געבעטן נאך און נאך
האלזן א קינד ווי שטארק זי פילט זי האט באגערט
זייער פיין און לייד ביים הארץ געשניטן
וויפיל איר נאנטע האבן מיטגעליטן
געווארט די תפלות זאלן שוין ענדליך ווערן געהערט
(2)
און אויך ער יארן לאנג אין שול
מתפלל געווען געטון מעשים פיל
א קדיש צו לאזן נאך זיך אויף דער וועלט
צוגעזאגט אויב וועט מען אים שענקען
וועט ער דעם חסד אייביג געדענקען
דאס קינד וועט בלויז צו תורה זיין אויסגעשטעלט
(3)
געווארן דערהערט איז זייער געשריי
אבער ווער קען פארנעמען זייער ווייי
א קינד געבוירן אוי געוואלד ס'איז נישט געזונט
מ'הערט מיט טרויער עס האט קיין הענט
טאטע מאמע צובראכן פארקלעמט
איז דאס אונזער אויסגעבעטענע קינד
(4)
אויב איך וועל קיין הענט פארמאגן
וועל איך א איד מער נישט קענען שלאגן
און בלויז ערליכע טאטע מאמע
וועלן מיר גוט ערציען מן הסתמא
איך וויל זיך דא אומקערן ריין

האט די נשמה געבעטן מיט גרויס געוויין
האט דער בית דין באשלאסן אזוי זאל זיין
(5)
פרעגן טאטע מאמע הערט נאר דאס
פאטער אין הימל ענטפער פארוואס
אוי פארוואס איז קיין פראגע פאר א איד
כאטש עס איז שווער אויפ'ן געמיט
יא טאטע מאמע איר האט א טרייסט
דערהייבט פון טרויער און צער אייער גייסט
דער אב הרחמים האט אייך ליב ווי א בן יחיד
ווייסט און גלייבט אז אזוי איז גוט
(1)
אין חדר הויף א טאג א שיינע
שפילן זיך ליסטיג אינגעלעך קליינע
די גלאנץ פון לעבן אויף זייער געזיכט עס שיינט און שטראלט
פריי פון זארגן לויפן די קינדער
עס מאנט צו באטראכטן יעדער באזונדער
און די בליק אויף אן איינזאם קינד דארט עס פאלט
(2)
ער זיצט אליין טיף איינגעבויגן
זיין צער דערקענט זיך אין זיינע אויגן
מיט גליסטעניש זענען זיי צו זיינע פריינט געווענדט
דאס קינד קען נישן לויפן און שפילן
עס רייסט ביים הארץ באנעמט די געפילן
דעם בא'חן'טן אינגעלע פעלן נעבעך די הענט
(3)
נסיונות קומען פאר יעדן אונטער
נישט אייביג איז נאכט נישט אייביג איז ווינטער
די זין זי וועט נאך פאר דיר אויך אויפגיין
אידעלע נעם ליב אן דיין לאגע
נעם אן ליב און פרעג נישט דיין פראגע
קומען וועט א טאג מ'וועט אלעס פארשטיין
(4)
אויב איך וועל קיין הענט פארמאגן
וועל איך א איד מער נישט קענען שלאגן
און בלויז ערליכע טאטע מאמע

ווען מיר גוט ערציען מן הסתמא
איך וויל זיך דא אומקערן ריין
האט די נשמה געבעטן מיט גרויס געוויין
האט די בית דין באשלאסן אזוי זאל זיין
(5)
פרעגט דאס קינד הער נאר דאס
פאטער אין הימל ענפער פארוואס
אוי פארוואס איז קיין פראגע פאר א איד
כאטש עס איז שווער אויפ'ן געמיט
יא ליב קינד דו האסט א טרייסט
דערהייב פון טרויער און צער דיין גייסט
דער אב הרחמים האט דיר ליב ווי א בן יחיד
ווייס און גלייב אז אזוי איז גוט